


אַז עס שטאַרבט ווער ניט איז, וואָס האַלט ניט ווײַט צו די תּשעים, בײַ זיך אין שטוב און במנוחה, איז אַ סבֿרא, אַז מ׳דאַרף קיין טענות ניט האָבן, ניט צו גאָט, ניט צו לײַט.

איבעריק צו דערמאָנען, אַז ווען דער מענטש איז אַ נאָענטער חבֿר, זײַנען די יאָרן ניט וויכטיק. און איבעריקנס ווייסט קיינער ניט ווען ס׳איז קען הײַנט זײַן. ניט שייך די יאָרן.

אין פֿאַל פֿון אונדזער חורבֿן מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדיש־לאַנד קומען נאָך צו גאָר אייגנאַרטיקע, טרויעריקע מאָמענטן, וואָס וואַקסן אַרויס פֿונעם חורבן פֿון דער סיסטעמאַטישער דײַטשישער אויסשעכטונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין די אַלע לענדער וואָס זײַנען אונטער דײַטשישער מאַכט געפֿאַלן אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מזרח־אייראָפּע איז אָנגעפּיקעוועט מיט שטעטלעך וואָס בײַ הײַנטיקן טאָג זײַנען זיי צוריקגעשטאַנענע העק, שוואַרצע פּינטעלעך אויף מאַפּעס, בעת אין דער ייִדישער קולטור־געשיכטע זײַנען זיי רומפֿולע, אייביקע באַגריפֿן, ווען אַמאָליקע ייִדישע פּערזענלעכקייטן און אינסטיטוציעס האָבן זיי געמאַכט פֿאַר אַ שם־דבֿר איבער דער וועלט און אויף דור־דורות.

אָט אַזאַ מין שטעטל איז ראַדין (אַרויסגערעדט: ראַדן), הײַנט – ראַדון, אין מערבֿדיקן בעלאַרוס האַרט לעבן דער גרענעץ מיט ליטע, נישט ווײַט פֿון אײַשישאָק וואָס אויף דער ליטווישער זײַט גרענעץ. אַמאָליקע יאָרן איז ראַדין, צו דרום־צו פֿון ווילנע (ווייניקער ווי הונדערט קילאָמעטער) געשטאַנען אין האַרץ פֿון ווילנער גובערניע. אין דער צווישן־מלחמהדיקער תּקופֿה האָט דער גאַנצער שטח געהערט דער פּוילישער רעפּובליק.

ראַדין האָט געמאַכט וועלט־באַוווּסט ר׳ ישׂראל־מאיר הכּהן, וועלכער איז באַקאַנט ווי „דער חפֿץ־חיים", לויטן נאָמען פֿון זײַן ערשטן ספֿר „חפֿץ חיים" (צוערשט אַרויס אין ווילנע אין 1873). דאָס איז אַ ספֿר קעגן לשון־הרע און רכילות און די וויכטיקייט פֿון די ייִדישע דינים קעגן אָט־די עבֿירות.

זומער 1997 האָבן מיר (די אָנטיילנעמער אין אונדזער דעמאָלטיקער עקספּעדיציע) אָנגעטראָפֿן אויפֿן אַלטן ייִדישן בית־עולם אין ראַדין די באַנײַטע מצבֿה פֿון ישׂראל־מאיר הכּהן, דעם חפֿץ־חיים. דאָס האָבן מיר געוווּסט צו זוכן.

מיר האָבן אָבער נישט געוווּסט, און זײַנען געווען גליקלעך און איבערראַשט צו טרעפֿן אַ צווייטן מאיר, דעם לעצטן לעבעדיקן ייִדן אין ראַדין. מאירקע סטאָלער, אַ געבאָרענער אין טאַטיאַנצע, אַ דאָרף נישט ווײַט, אין 1912. מאירקע האָט געשטאַמט פֿון דור־דורות שמידן: „איך בין אַ שמיד, דער טאַטע איז געווען אַ שמיד, דער זיידע איז געווען אַ שמיד, נאָר מײַנע קינדער זײַנען שוין נישט קיין שמידן."

ער איז אויסגעוואַקסן אין אײַשישאָק, ער פֿלעגט אָבער זייער אָפֿט אַרײַנפֿאָרן אין ראַדין. ער געדענקט גוט דעם חפֿץ־חיים. „ווען איך האָב אים געקענט, איז ער שוין געווען אַן אַלטער, אַן אײַנגעבויגענער, אַ קליינינקער אַזאַ, פֿלעגט אַרומגיין מיט אַ פּשוט ייִדיש היטל מיט אַ קאַזיריק, פֿלעגט גיין שפּאַצירן שעהן לאַנג אין די פֿעלדער און טראַכטן וועגן זײַנע ספֿרים. די קריסטן האָבן אים אָפּגעגעבן כּבֿוד, זיי האָבן זיך געהיט אים נישט שטערן ווען ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרטראַכטער איבער זייערע פֿעלדער. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען פֿול מיט די פּירושים פֿון דער ישיבֿה, זיי פֿלעגן אויכעט אַרומגיין פֿאַרטראַכטע."

אין מאירקע סטאָלערס ייִדיש הייסן די אַלע תּלמידים אין חפֿץ־חיימס ראַדינער ישיבֿה: „פּרושים" (דאָס וואָרט „ישיבֿה־בחורים", דערקלערט ער, האָט מען דאָרטן גענוצט נאָר אויף פֿאַרמעגלעכע ישיבֿה תּלמידים אין „רײַכערע מקומות").

מיר האָבן זיך נאָענט געחבֿרט מיט מאירקען, און פֿלעגן אַלע פּאָר חדשים פֿאָרן אים באַזוכן. (צו יעדער רײַזע אין דער הײַנטיקער בעלאַרוסיע, אגבֿ, דאַרף אַן אַמעריקאַנער בירגער קויפֿן אַ באַזונדערע נישט זייער ביליקע וויזע, און דורכמאַכן אַ לאַנגע און נישט זייער אָנגעלייגטע פּראָצעדור בײַ דער גרענעץ. אַזוי אַרום איז ראַדין פֿון ווילנע הײַנט „ווײַטלעך" נישט קוקנדיק אויף דער געאָגראַפֿישער נאָענטקייט).

מאירקע האָט ליב אויסטרינקען אַ כּוסע „סאַמאַהאָן" (אַליין־געמאַכטער בראָנפֿן) וואָס אַ פּוילישע שכנטע מאַכט בײַ זיך אין שטוב, און ער פֿלעגט דערציילן פֿון אַמאָליקע יאָרן. „מיטן חפֿץ־חיים האָב איך קיין סך נישט געהאַט צו טאָן, אַז ער איז דער רבֿ און איך בין אַ שמיד. ער פֿלעגט אָבער אַלעמאָל דערלאַנגען שלום־עליכם."

„מיר ווערט נישט גוט", באַמערקט מאירקע, „אַז רײַכע אַמעריקאַנער ייִדן קומען דאָ און צאָלן די פּויערים וואָס לעבן אין חפֿץ־חיימס שטוב הונדערט דאָלער פֿאַר אַ שטיקל האָלץ פֿון שטוב. דעם חפֿץ־חיים וואָלט דאָס שטאַרק פֿאַרדראָסן. איכל דיר זאָגן דעם אמת, דוד, די אַמעריקאַנער ייִדן וואָס קומען דאָ געפֿעלן מיר גאָרנישט. זיי גייט אָן נאָר רײַכטום. איינער האָט מיר באַוויזן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון זײַנע זיבן ספּאָרטיוונע פֿערד און נאָך אַ פֿאָטאָגראַפֿיע ווו מ׳זעט ווי זײַן טאָכטער טוט אַ גלעט איינעם פֿון די פֿערד. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וואָלט זיך מיט אים נישט געביטן! ער האָט דאָ געבראַכט אַן איבערזעצערקע פֿון ווילנע. ער האַלט זיך פֿאַר אַ ייִדן און אַליין רעדט ער נישט קיין וואָרט ייִדיש. האָסט געהערט אין דײַן לעבן אַזאַ מין זאַך? אַך!"

הגם בײַ מאירקען איז דאָ אַ טיפֿער דרך־ארץ צום חפֿץ־חיים, צו די פּרושים, צו געלערנטע פֿון דער אַמאָליקער ייִדישער וועלט, איז ער קיינמאָל נישט געווען קיין גלייביקער. „אויב ס׳וואָלט געווען אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָלט ער דאָך נישט דערלאָזן מען זאָל אויסשיסן אַלע ייִדן. ניטאָ!"


# אַז דער לעצטער ייִד אין שטעטל איז שוין אויך ניטאָ...

פֿאָטאָ פֿון מחבר

(ווילנער ייִדישער אינסטיטוט בײַם ווילנער אוניווערסיטעט)

* * *

מאירקעס גלויבן אינעם **מענטשן** און זײַנע אויפֿטוען, קומט צום בולטסטן אויסדרוק אין די געשעענישן אַרום דעם, ווי אַזוי ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה. איז גיבן מיר איבער דאָס וואָרט – מאירקען.

„האַרבסט 1939 זײַנען דאָ אַרײַן די סאָוועטן. די פּוילישע מאַכט איז גלײַך צעפֿאַלן געוואָרן. אײַשישאָק, ווו איך האָב דעמאָלסט געלעבט, האָבן די סאָוועטן אָפּגעגעבן פֿאַר ליטע, און ראַדין איז אַרײַן אין בעלאַרוס. איך האָב נישט געוואָלט לעבן אונטער די ליטווינער, בין איך אַריבערגעפֿאָרן מיטן וואָגן אין ראַדין. אַ שמיד האָט דאָך אַלעמאָל אַרבעט, און אין ראַדין פֿלעג איך אַלע מײַנע יאָרן אָפֿט זײַן במילא.

„ווען דער דײַטש איז געקומען אין יוני פֿון 1941טן יאָר, האָט ער די ייִדן אײַנגיכן פֿאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ, אויך די ייִדן פֿון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפֿער האָבן זיי דאָ פֿאַרשפּאַרט.

„דעם 10טן מײַ 1942, נאָך איידער די זון איז אויפֿגעגאַנגען, האָבן די דײַטשן גענומען פֿון געטאָ מסתּמא אַ פֿופֿציק געזונטע יונגעלײַט. מ׳האָט אונדז געפֿירט אויפֿן ייִדישן בית־עולם און דער קאָמענדאַנט האָט גענומען מעסטן די לענג און די ברייט פֿון אַ גרויסער גרוב. איך האָב זיך אַ זאָג געטאָן: ׳אַליין אַ גרוב פֿאַר זיך גראָב איך נישט! אַ פֿאַשיסט – אָדער איך וועל אים דערהרגענען אָדער ער וועט מיר הרגענען, נאָר איך בין אַ ייִד און אַ שמיד, און אַליין פֿאַר זיך אַ גרוב גראָב איך נישט!׳"

„אַז דער דײַטשישער קאָמענדאַנט האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין זײַן גרוב, וויפֿל מעטער פֿון אַלע זײַטן, האָב איך גענומען דעם רידל וואָס מ׳האָט מיר געגעבן גראָבן, אַ שרײַ געטאָן ׳הוראַ!׳ און דערלאַנגט דעם דײַטשישן וועכטער וואָס האָט מיר געהיט איבערן קאָפּ. איך בין געווען אַ ייִד אַ גיבור, אַ שמיד. ער איז גלײַך געפֿאַלן אין אומבאַוווּסטזיניקייט.

„איך האָב אַ שרײַ געטאָן: ׳ייִדן, לויפֿט!׳ נאָר זיי האָבן כּמעט אַלע מורא געהאַט. זיי האָבן געגלייבט אין גאָט. די אַלע וואָס האָבן יענעם טאָג געגלייבט אין גאָט, געגלייבט, אַז דאָס אַלץ איז גאָטס ווילן, מער ווי 2,000 ייִדן, האָט מען אויסגעשאָסן. אָט ליגן זיי דאָ. לעצטנס איז מען געקומען פֿון ארץ־ישׂראל שטעלן אַ נײַעם דענקמאָל.

„איך האָב גענומען לויפֿן אין וואַלד אַוועק. אַ דײַטשישער זשאַנדאַר אויף אַ פֿערד האָט מיר געיאָגט אפֿשר אַ קילאָמעטער. ער האָט אַ סך מאָל געשאָסן אויף מיר און נישט געטראָפֿן. האָב איך גענומען וואַרפֿן שטיינער. אים האָב איך נישט געטראָפֿן נאָר דעם פֿערד זײַנעם האָב איך געטראָפֿן. דער פֿערד האָט זיך געשטעלט דיבאָם און די קוילן זײַנען אַרויף אין הימל ביז וואַנעט איך האָב געזען, אַז ער שיסט און האָט נישט מיט וואָס. די קוילן האָבן זיך בײַ אים אויסגעלאָזן. ער איז אַראָפּ פֿון פֿערד און גענומען שלאָגן זיך מיט מיר. איך האָב אים גוט צעהרגעט און בין אַנטלאָפֿן אין וואַלד.

„איך בין אָנגעקומען אין אַ דאָרף מיזשאַנץ ווו עס לעבן וווּנדערלעכע מענטשן, פּאָלאַקן. זיי האָבן מיר אויסבאַהאַלטן, כאָטש די דײַטשן האָבן געלייגט אַ גרויסע סומע אויף מײַן קאָפּ. זיי האָבן מיר געגעבן אַ ביקס און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער פּאַרטיזאַנער גרופּע. מיר האָבן אויפֿגעריסן באַנען, געשאָסן דײַטשן, געקעמפֿט אין די וועלדער ביז דער באַפֿרײַונג אין 1944.

„אַז איך בין דאָ געקומען אין ראַדין נאָך דער מלחמה, האָב איך בײַ זיך געשוווירן, אַז איך וועל אויסלעבן מײַנע יאָרן דאָ אין ראַדין. דאָ איז מײַן אָרט. דאָ האָט מיר קיינער קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט און דאָ דאַרף איך בלײַבן."

מאירקע סטאָלער האָט איבערגעלעבט די יאָרן אין פּאַרטיזאַנקע אָן דעם קלענסטן פּגם. אין די פֿופֿציקער יאָר האָט ער אָבער פֿאַרלאָרן די רעכטע האַנט אַרבעטנדיק מיט אַ שלעכט־פֿאַרריכטער סאָוועטישער מאַשין אין דער ראַדינער שמידערײַ.

* * *

מיט דער געוויינלעכער האַרצקלאַפּעניש זײַנען מיר לעצטנס אַרײַנגעפֿאָרן אין חפֿץ־חיימס ראַדין, האָפֿנדיק ווי אַלעמאָל מאירקע סטאָלערן צו געפֿינען. אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר פֿון זײַן כאַטע און אַ זוך געטאָן אין גאָרטן ווו ער פֿלעגט זיך די לעצטע יאָרן מחיה זײַן. געקומען די פּוילישע שכנטע, העלענאַ יאַמאָנט, וואָס האָט אים אַ סך געהאָלפֿן, און אָנגעזאָגט די שלעכטע בשׂורה: ער איז געשטאָרבן נישט לאַנג צוריק. מ׳האָט אים באַגראָבן אויפֿן קריסטלעכן צווינטער, שוין.

מיט טיפֿן טרויער האָבן מיר אויסגעזוכט מאירקעס קבֿר און געזאָגט נאָך אים קדיש. אַרויספֿאָרנדיק פֿון ראַדין, זײַנען אונדז געלעגן אויפֿן זינען עטלעכע מחשבֿות, ואלו הן:

עס איז אַ מוראַדיקער סקאַנדאַל, אַז אַזעלכע ייִדן ווי מאירקע סטאָלער האָבן קיינמאָל קיין שום קאָמפּענסאַציע נישט באַקומען, נישט פֿון די דײַטשן, נישט פֿון דער שווײַץ און נישט פֿון ערגעץ. דערפֿאַר וואָס ער האָט געלעבט אין אַ פֿאַרוואָרפֿן שטעטל האָבן די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין מינסק און אַפֿילו אין דער נישט־ווײַטער לידע ווייניק אינטערעס געהאַט אין אים. עס איז שוין צײַט די ייִדישע וועלט אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך ריכטיק דערמאָנען אין די אָרעמע שארית־הפּליטה, ייִדן וואָס האָבן באַשלאָסן זייערע יאָרן אויסלעבן אין לאַנד פֿון זייערע אָבֿות, און זיי ברייטהאַרציק צו הילף קומען. די נעבעכדיקע פּענסיעס קלעקן קוים אויף עסן, וועגן מעדיצין קען קיין רייד נישט זײַן.

ואחרון אחרון, איז אונדז פֿון קאָפּ נישט אַרויס דאָס וואָס מאירקע פֿלעגט אַלע ווײַלע זאָגן: „איך בין אַ ייִד און אַ שמיד, איך האָב באַשלאָסן, אַז איך וועל בלײַבן לעבן ווײַל אַ מענטש איז געבאָרן געוואָרן ער זאָל לעבן און נישט דערשאָסן ווערן מיטן קויל פֿון אַ פֿאַשיסט. ווי לאַנג איך לעב קען מען מיך אָנקוקן: איך בין אַ ראַדינער ייִד, איך בין געבליבן לעבן, אָט בין איך אין ראַדין!" ☐